


פארבינדנדיק צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת משפטים, כ"ח שבט תשס"ז
גליון 3, מספר 15




# פרשת משפטים

**תשים לפניהם - כשולחן הערוך**

דער ערשטער פסוק פון דער פרשה משפטים איז:**"ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם".**

דער אפטייטש און אינהאלט פון דעם פסוק, לערנט רש"י: מיט יעדן אידיש קינד אין אלע דורות:

די "משפטים", די אלע געזעצן ("רולינגס") און זעלבסטפארשטענדלעך די אנווייזונגען פארבונדען מיט "סאלדזשערס" פון "צבאות השם", דארפן זיין אין אן אופן פון "**תשים לפניהם - כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם**": די "משפטים" דארפן זיין צוגעגרייט פאר די "סאלדזשערס" אז זיי זאלן קענען דאס גלייך נוצן:זיי דארפן זין פאר די "סאלדזשערס" אזוי קלאר, און אויך אזוי קלאר פאר די אלע וואס געפינען זיך ארום זיי, פונקט ווי מ'זעט דעם עסן (דעם "מיעל") וואס מ'דארף אים האבן בכדי מען זאל האבן א געזונטן גוף, איז ער צוגעגרייט אויפן טיש, און ער איז גרייט צום עסן, מ'דארף מער ניט ווי עסן בפועל.

און פונקט ווי דער עסן בגשמיות שטארקט דעם געזונט פון דעם גוף - אזוי איז דער "עסן" ברוחניות, דער "תורה-עסן", שטארקט דעם געזונט פון דער נשמה פון יעדער אידן,

און במיוחד די נשמה פון א א איד וואס האט א ספעציעלע שליחות פון דעם אויבערשטן - צו פירן מלחמה אין דעם אויבערשטנ'ס מלחמה אנטקעגן דעם יצר.

די הוראה פון האמור לעיל איז:

בשעת א "סאלדזשער", אן איש צבא, באקומט אן אנווייזונג פון דעם אויבערשטן אויף מלחמה האבן מיטן יצר, דורך דערויף וואס ער איז א איד און פירט זיך אויף ווי א איד - דארף זיין אויפפירונג זיין **קלאר**, אז מ'זאל גלייך דערקענען אז דאס איז א אידיש קינד:

אז מ'פרעגט אים - וואס איז ער? אדער א מיידעלע - וואס איז זי? ענטפערן זיי גלייך, אז זיי זיינען אידישע קינדער און זיי געהערן צום צבא השם!

און אז מ'פרעגט בא יעדערן פון זיי - ווי אזוי זעט מען דאס קלאר אז איר געהערט צום צבא השם?

נעמט א אינגעלע גלייך ארויס די ציצית און באווייזט זיי, וואס דאס איז א **קלארער** באווייז און אן עדות, אז ער געהערט צום צבא השם.

אזוי אויך א אידישע מיידעלע האט א ספעציעלן וועג צו באווייזן אין א **קלארן** אופן אז זי איז א אידישע מיידעלע - דורך דעם וואס זי (באווייזט אז זי) טראגט צניעות'דיקע קליידער, ווי עס איז פאסיק פאר א אידישער מיידעלע.

*(המשך אין עמוד 2)*

טייערע קינדער שלוחים,
א גוטן ערב שבת.
ווער גלייכט ניט הערן מוזיק? מען טאנצט און זינגט און שפירט א דערהויבענע, זופרידענע געפיל. מוזיק ברענגט 13 שמחה! יעצט גייען מיר אריין אין חודש אדר- א חדש פון שמחה.
חודש אדר איז א גוטע צייט אויף דאנקן דעם אויבערשטן אויף אלע זאכן וואס מיר האבן וואס מאכן אונז זופרידן.
פיל מאמעס און מיידלאך זיינען יעצט זוריקגעקומען פון די כינוס השלוחות. זיכער האט איר מיטגעבראכט אין שטוב פיל שמחה. בעיקר די שמחה וואס קומט פון אנערקענען דעם זכות וואס עס איז 13 זיין שלוחים פון רבי'ן! מיט אזא שמחה וועט מען זיכער אריינטאנזן אין די גאולה!
א פרייליכן חודש אדר! -א. וועכטער

## האסטו געוואוסט?

דער לעצטער שבת פון חודש שבט, אדער ראש חודש אדר,אויב עס קומט עס אויס שבת, לייענט מען נאך א חלק אין תורה וואס ווערט אנגערופען פרשת שקלים. צוליב דעם, ווערט דער שבת אנגערופען שבת שקלים.

פרשת שקלים רעדט זיך וועגן די מצוה פאר יעדן איד צו ברענגן מחצית השקל, א האלבע שקל, יעדן יאר צו די בית המקדש. די געלט האט מען גענוצט צו קויפן די קרבנות פאר דעם בית המקדש.

דער מחצית השקל האט מען געדארפט געבן ביז א׳ ניסן, און מען האט אנגעהויבן איינזאמלען דאס ט״ו ב׳אדר. מען האט דערמאנט אלע מענטשן וועגן די מחצית השקל אין אנהויב פון חודש אדר.

צוליב דעם לייענען מיר דעם פרשה דעם שבת פאר ראש חודש אדר צו דערמאנען אלע אידן וועגן אט דער הייליקער מצוה.

היינט גיבן מיר ניט א מחצית השקל, ווייל מיר האבן נאך נישט דעם בית המקדש צו ברייננגן קרבנות, אבער מיר געבן א האלבע מטבע תענית אסתר אלס אן אנדענק אויף דעם.

ביז משיח וועט קומען, דאוונען מיר אנשטאטס קרבנות. מיר לייענען דעם ענין אין תורה, און האפן אז עס וועט גערעכנט ווערן ווי מען האט עס געטאן!

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

און אין צוגאב צו דעם, באווייזן אידישע אינגעלעך און מיידעלעך **קלאר** אז זיי זיינען אידן - דורך דעם וואס זיי זאגן **אויסוויינינק** ( זיי דארפן דאס ניט זוכן אין ספר) "שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד", און זיי זאגן דאס מיט א לעבעדיקייט, מ׳זעט אז זיי לעבן דערמיט.

נאך א טייטש אין "**תשים** לפניהם" איז - "תשים " פון ווארט "סימה", וואס מיינט אן אוצר.

און די אנווייזונג דערפון איז:

יעדער איד, אריינגערעכנט אידישע קינדער, דארף באטראכטן אז תורה און מצוות זיינען א טייערע און באליבטע אוצר וואס איז אים געגעבן געווארן פון דעם אויבערשטן אליין, ובמילא לערנט ער תורה און איז מקיים מצוות מיט גרויס שמחה.

און דעמאלט האט מען הצלחה אין לימוד התורה און קיום המצוות, און מ׳ברענגט נחת צו די עלטערן און מחנכים און צום גאנצן אידישן פאלק.

*( פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת כ׳ שבט תשמ״א, כ״א שבט תשמ״ב)*



## שבת מברכים ראש חודש

### דער שבת איז שבת מברכים אדר

☐ איך האב געזאגט תהילים אינדערפרי (געדענק צו זאגן די מאס תהילים פאר די תהילים קלאב)

☐ איך בין געגאנגן אין שול, און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש.

### ראש חודש אדר

**זונטיק - ל׳ שבט**

**מאנטיק - א׳ אדר**

☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין בענטשן

☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה

☐ איך האב געדאווענט מוסף

☐ איך האב געזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום

☐ מיידלאך – איך האב ניט גענייט אדער געוואשען קליידער

# דערציילט מיר א מעשה

אין תשל"ו האט דער רבי אנגעהויבן א נייע מבצע. מבצע נש"ק - אז פרויען און מיידלאך זאלן אנצינדן שבת ליכט. בכדי דאס שטארקן, האט מען געמאכט אנאנסן (אדווערטייסמענטס) אויפן ראדיא וועגן מבצע נש"ק. מען האט געזאגט אז אויב איינער וויל שבת ליכט זאלן זיי אריינשיקן א דאלער מיט א בריוו פון איר נאמען און אדרעס צו דער אפיס פון נשי חב"ד. געוויסע מענטשן האבן געמאכט א טעות און געשיקט זייער בריוו און דאלער גלייך צום אפיס פון רבי'ן.

איינמאל האט דער רבי באקומען א בריוו פון א מאן אין מערילאנד. דער מאן האט געבעטן פאר שבת ליכט פאר זיין טאכטער. דעם בריוו איז אנגעקומען אויף פרייטאג און דער רבי האט גלייך גערופען מרת שטערנבערג און האט איר געבעטן זיכער מאכן אז די מיידל צינדט אן שבת ליכט ***יענע פרייטאג פארנאכט***!

עס איז נאר געווען צוואנציג מינוט פאר שבת!! מרת שטערנבערג האט גלייך גערופען א שליח אין מערילאנד און האט אים געבעטן ברענגען שבת ליכט צו דער מיידל. דער שליח האט געענטפערט אז ער וואלט זייער געוואלט העלפן, אבער דער פלאץ איז מער ווי צוויי שעה פון וואו ער לעבט, און עס איז אוממעגליך פאר אים אנצוקומען פאר שבת.

אן קיין ברירא, האט מרת שטערנבערג געפונען דער טעלעפאן נומער פון די מיידל. דער מאמע האט געענטפערט דעם טעלעפאן. "יע, מיין מאן האט געבעטן שבת ליכט. איך צינד ניט אן שבת ליכט, אבער איך מיין אז עס איז א גוטע זאך אז מיין טאכטער זאל אנצינדן."

מרת שטערנבערג האט איר ערקלערט אז זי וועט שיקן לייכטער פאר נעקסטע שבת, אבער אויף דעם וואך וועט זי זיי ערקלערן ווי אזוי צו מאכן לייכטער פון "סילווער פויל" אז איר טאכטער זאל קענען אנצינדן דעם שבת.

דער פרוי האט גלייך מסכים געווען און האט געזאגט אז זי וועט אויך אנצינדן שבת ליכט. זי האט צוגעהערט צו מרת שטערנבערג און אראפגעשריבן די ברכה וואס זי דארף זאגן.

דערנאך האט מרת שטערנבערג געפרעגט "האט דיין טאכטער אפשר פריינט וואס ווילן אויך אנצינדן שבת ליכט."

"יע, מיין טאכטער האט פריינט אין תלמוד תורה און זיי וואלטן מסתמא געוואלט אויך אנצינדן, און איך האב אויך פריינט וואס וואלטן אויך געווען צופרידן צו באקומען שבת ליכט..."

ווען מרת שטערנבערג האט געענדיקט פאקן די ליכט דעם נעקסטן וואך האט זי געפאקט 40 לייכטער !!

דעם נעקסטן פרייטאג, האט דער רבי'ס סעקרעטאר אנגעקלונגען צו מרת שטערנבערג. "דער רבי וויל וויסן וואס טוט זיך מיט דער מיידל פון מערילאנד?"

מרת שטערנבערג האט נאכאמאל גערופען דער פרוי. די פרוי איז געווען אזוי צופרידן הערן פון איר.

"א גרויסע דאנק מרת שטערנבערג," האט זי געזאגט. "מיין טאכטער האט אנגעצונדען שבת ליכט, און אלע מיינע פריינט האבן באקומען דעם לייכטער. מען רעדט וועגן דעם אין די גאסן!! קענסטו אפשר שיקן מער...?" האט זי געפרעגט מרת שטערנבערג.

דעם קומענדיקע וואך האט מרת שטערנבערג געשיקט נאך א גרעסערע פעקל פון לייכטער.

דעם נעקסטן פרייטאג האט מרת שטערנבערג נאכאמאל גערופען דעם פרוי. "ווי קען איך דיר דאנקן?" האט דער פרוי געזאגט, "דו ווייסט ניט וואס דו האסט אויפגעטאן דא מיט די שבת ליכט. און יעצט האבן מיר א געבעט פאר דיר, מיר ווילן זיך טרעפן מיט די פרויען וואס האבן געברענגט דעם ליכטיקייט פון שבת אין אונזערע הייזער!"

ווען מרת שטערנבערג האט דאס געהערט, האט זי געמאכט א שבתון אין מערילאנד. פרויען פון קראן הייטס זיינען געפארן צו מערילאנד און האבן "געבראכט שבת" צו די פרויען פון שטאט!!

***אמאל קען איין מעשה, אנגעהויבן דורך דעם רבי'ן טאקע איבערקערן א גאנצע שטאט!!***




ווען דער אויבערשטער האט געהערט ווי די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, זאגנדיק נעשה פאר נשמע, האט ער געהייסן 600,000 מלאכים ברענגען צוויי קרוינען פאר יעדער איד. יעדער מלאך האט געלייגט איין קרוין אויף די קאפ פון די אידן צוליב די ווארט נעשה, און איין קרוין צוליב די ווארט נשמע. ווען די אידן האבן געמאכט דעם עגל הזהב, האט דער אויבערשטער געהייסן צוריק נעמען די קרוינען. אין צייט פון משיח וועט דער אויבערשטער אומקערן אונז די קרוינען, און מיר וועלן זיין אזוי צופרידן נאכאמאל!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת משפטים

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוזים׳ס אופיס פאר מיטוואך,**
**און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

**משנכנס אדר מרבים בשמחה!**

מענדי האט געוואלט שפילן מוזיק לכבוד חודש אדר. העלף אים ארייינלייגן א חסידישע דיסק צו שפילן!



# הצלחה רבה

נאמען: ______________________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ________________________________________

________________________________________

אימייל: ______________________________